בס"ד

מאמר השקפה
פרשת שמיני
שנת תשפ"ה לפ"ק

## דער בעל הילולא זלה"ה

# לאזט אונז נישט גליטשן...

תלמידי וחסידי סאטמאר גרייטן זיך אין די טעג צו די 19'טע הילולא קדישא פון דעם גרויסן רועה נאמן, דער געטרייער מנהיג ישראל **מרן רביה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זכותו יגן עלינו.**

מ'חזר'ט זיינע דברי תורה, מ'איז מעלה זכרונו הבהיר, מ'לערנט מיט די קינדער מתורתו ומשנתו למען ידעו דור אחרון צדיק מה פעל, זאלן אונזערע קומענדיגע דורות אויך וויסן עפעס איבער דאס הייליג לעכטל, דער שריד לדור דעה, משיירי כנסת הגדולה וואס האט נאך געלויכטן צווישן אונז ביז 19 יאר צוריק, כ"ו ניסן תשס"ו.

לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין אין זיינע וועגן וואס ער האט אונז געלערנט.

## ויעמוד מש"ה בשער המחנה

טאקע אויף די וואך די סדרה זאגט **מרן רביה"ק מסאטמאר** זי"ע אין ספה"ק **ויואל משה** (סי' קמ"ב) **"אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם"**. אז אין יעדן דור איז דא א באזונדערער יצר הרע, דער יצר הרע וואס איז געווען נעכטן איז נישטא היינט, נאר עס איז דא א פרישער יצר הרע פונעם היינטיגן דור, און די מנהיגי ישראל, די עיני העדה זיי דארפן קענען כאפן דעם **'אותו יצר הרע'** ביים קארג, דעם יצר הרע פון דעם דור, אראפרייסן זיין מאסקע, און אויפווייזן קבל עם קהל ועדה, אט דאס איז דער פינסטערער יצר הרע, פון אים דארף מען זיך אכטונג געבן און מיט אים דארף מען לוחם זיין בימינו אלה.

**ביי די אלע מערכות זענען געווען 'פארשטייערס', עס זענען געווען מענטשן וואס האבן געהאט מיינונגען אז דאס איז נישט כדאי, יענץ לוינט נישט, עס איז נישט 'דיפלאמאטיש', אדער איז געווען די טענה אז 'היינטיגע צייטן' קען מען נישט גיין אויף אזא מהלך, דאס איז גוט געווען אמאל אין דער אלטער אונגארן אבער נישט אין אמעריקע דהשתא.**

נישט איינמאל דערמאנט זיך מיט בענקשאפט יענע זיסע זמנים וואס עס איז געווען **'והיה כאשר ירים מש"ה את ידו וגבר ישראל'**, דער רבי **הברך משה** זצ"ל פלעגט פירן מערכות מיט א שטארקע האנט, עס האט נישט געוואוסט פון קיינע פשרות, ער האט נישט געוואוסט פון קיין בדיעבד. ווען ער האט פארשטאנען אז מ'דארף ארויסגיין אין א מערכה איז ער געגאנגען, און טאקע עד קצה האחרון.

מ'דערמאנט זיך ווי דער רבי זצ"ל, וואס פון נאטור אויס איז ער געווען א רואיגער, פריינטליכער און צוגעלאזענער מענטש. אן אב הרחמן במלא מובן המלה. ער פלעגט זיצן און אויסהערן צובראכענע הערצער ווי א גוטער חבר. זיין עניוות און שפלות רוח איז געווען צום שטוינען, ווי ווייט ער האט זיך באמת נישט געהאלטן פאר קיין 'יש'. ער האט זיך באמת געהאלטן נישט מער ווי איינער פון די בני הקהילה וואס מ'האט אים געשטעלט אלס 'שומר הפקדון'.

דאך וואס עס איז געקומען צו זמנים וואס ער האט געשפירט און פארשטאנען אז "דער פעטער זכרונו לברכה וואלט ווען...", האט זיך געענדיגט די וועלט. דער זעלבער רבי האט זיך אויפגעשטעלט און משמיע געווען פייערדיגע דרשות, געפירט מערכות גדולות, מתריע געווען, מוחה געווען, געפייערט און געברענט, און נישט גערוט ביז ווען ער האט געשטעלט דעם ענין אויף די פיס.

אויפ'ן שפיץ גאפל דערמאנט זיך ווי אזוי ער איז געשטאנען ווי א גיבור מלחמה ביי מערערע מערכות; אנגעהויבן נאך בשנת תש"מ לפ"ק ווען ער האט לוחם געווען פאר הצלת העדה החרדית, אן אפענער קאמף אן קיין זיידענע הענטשוך און קיין דיפלאמאטישע דריידלעך.

נישט לאנג שפעטער בשנת תשמ"ב, ווען חסיד'ישע מנהיגים האבן געפרעדיגט ציונות מיט זאגן מיינונגען איבער די 'לבנון מלחמה' און געהעצט פאר שפיכות דמים, האט ער דאס אפגעענטפערט אויפן שארפסטן אופן.

שפעטער מיט די יארן ווען מופקרים האבן געוואלט מיט פרומע לבושים צוברעכן אלע כוחות פון הנהגה ביי כלל ישראל. האט ער לוחם געווען א מלחמת חרמה אזויווי א רב בישראל אין דער אלטער היים, וחרב הוצאת מתערה שלפת נגד צורריך.

אזוי אויך ווען ער האט געזען א פירצה בחומת הצניעות - וואס אויף יענע מינוט איז דאס געווען די ווייסע הוטן אין עזרת נשים - האט ער געפירט א קאמף גלייך אין פינטל, און נישט אפגעטרעטן ביז ווען ער האט געזען די פירצה אויסגעריסן מכרם בית ישראל.

ווען ער האט מרגיש געווען אז דער אור-אלטער הייליגער כולל שומרי החומות שטייט אין א סכנה פון אריבערגעפירט ווערן לידי זרים האט ער נישט אויפגעגעבן און געפירט א מלחמה כבידה וואס לאזט זיך גארנישט זאגן ביז ווען ער האט דאס מנצח געווען.

ביי די אלע מערכות זענען געווען 'פארשטייערס', עס זענען געווען מענטשן וואס האבן געהאט מיינונגען אז דאס איז נישט כדאי, יענץ לוינט נישט, עס איז נישט 'דיפלאמאטיש', אדער איז געווען די טענה אז 'היינטיגע צייטן' קען מען נישט גיין אויף אזא מהלך, דאס איז גוט געווען אמאל אין דער אלטער אונגארן אבער נישט אין אמעריקע דהשתא.

דער רבי איז אבער געווען אמת, אמת לאמיתו, ער איז געגאנגען אויף זיין וועג מיט א גראדקייט. און אויף זיין מהלך האט מען געקענט

און וואס עס איז געווען דער סוד וואס איז געלעגן אונטער דעם אויסדרוק 'אן אונגארישער רב'. א רב וואס איז געשטאנען מיט א תקיפות, וואס האט געפירט א מערכה צו ראטעווען אידישקייט בתוקף ובגבורה, און געטון וואס מען דארף צו טון אן קיין שום זייטיגע חשבונות.

אויפ'ן כח ההנהגה פונעם רבי'ן האט מען געזען ווי ער איז אוחז את החבל בשני ראשין. ווי רש"י הק' ברענגט פונעם מדרש אין פר' יתרו אז כביכול איז נתגלה געווארן אין מצרים ווי א זקן מלא רחמים און אויפ'ן ים ווי ה' איש מלחמה, דאס זענען צוויי באזונדערע כוחות, וואס די מנהיגי ישראל ווייסן וויאזוי זיך צו באנוצן דערמיט.

**א יונגערמאן וואס די ווייב גייט אזוי, וויל איך נישט אז ער זאל זיין אין כולל, יהיה מי שיהיה! עס קאן אזוינס נישט זיין, עס קאן נישט זיין א יונגערמאן וואס גייט אין כולל, און דאס ווייב גייט מיט אזא הוט וואס אלע זאגן עס איז אן איסור תורה.**

**"עס איז אזא מין חציפות, מ'זעט וואס דאס איז, ממש אויפצורייסן אויגן פון מענטשן, דער אייבערשטער זאל אפהיטן וואס דאס איז".**

דער זעלבער אב הרחמן, דער זעלבער 'ידיד' פאר יעדן איינעם, דער רבי וואס לאזט זיך אראפ צו יעדעס קינד, און גיבט דעם געפיל פאר יעדן איינעם אז ער אליין איז גארנישט, און טאקע גארנישט מער ווי א בלויזער 'שומר הפקדון', ווי ער פלעגט זיך אלעמאל אויסדרוקן.

אין די זעלבע צייט האט ער זיך מתלבש געווען מיט א געוואלדיגע כח און גבורה ווען עס האט נאר אויסגעפעלט פאר די מערכה למען כבוד שמים, עס איז געווען חרב הוציא מתערה ביז ווען ער האט באוויזן צו שטעלן זאכן על מכונם.

## איך וויל נישט די ירידה אין מיינע צייטן

מי יודע, אפשר האט דאס די השגחה עליונה אזוי געפירט אז די הילולא קדישא זאל אויסגעפאלן אין סאמע אנהויב פונעם זומער זמן, תיכף נאך פסח, אז עס זאל זיין א געלעגנהייט צו חזר'ן די הייליגע ווערטער וואס ער פלעגט אלעמאל משמיע זיין בעניני צניעות וקדושה.

ווער עס געדענקט דעם צדיק, דער בעל הילולא זי"ע, זיינע דרשות פאר כל נדרי, באזונדער די חול המועד דרשות ביי די התאחדות אברכים, ווי ער פלעגט רעדן איבער דעם ענין פון צניעות וקדושה מיט אזא צובראכנקייט, מיט אזא פחד, מיט א בליק אויפ'ן עתיד, און ער פלעגט זיך ממש בעטן על בנינו ועל דורותינו אז מ'זאל שטעלן גדרים וסייגים אין די ענינים.

מיר זענען דא מעתיק קורצע אויסצוגן פון א דרשה וואס דער רבי זלה"ה האט משמיע געווען פאר די אברכי הכולל תו"י אין וויליאמסבורג ביי א דרשה לפתיחת הזמן תשנ"ב, ווען ער האט מעורר געווען איבער די פירצה וואס האט זיך אין יענע יארן געהאט שטארק ארייינגעכאפט אין עזרת נשים. ווערטער וואס זאגן פון זיך זייער אסאך:

**"נו, האב איך געקלערט, דער פעטער זכרונו לברכה, ער איז דא געווען אזויפיל יארן, האט ער איינגעפירט ושמרו דרך ה', מ'זאל זיך האלטן, אבער דעם זומער, האב איך געהערט נשים האבן אנגעטון די היטלעך, די ווייסע היטלעך, פשוט, כ'האב געטראכט די גאנצע צייט, כ'זע די תחילת פון די פירצה, ס'האט מיך זעהר וויי געטון, אין מיינע יארן העט איך דאס נישט געוואלט... איך העט געוואלט, וויפיל עס איז מיר באשערט צו זיין אויף דעם עולם, אז איך וועל נישט קענען טאן, אבער אויף אזויפיל, מ'זאל נישט צוריק גיין... מ'זאל זיך האלטן אזוויוי עס האט אויסגעזען... אז מען הייבט אן צוריק צו גיין ווייסט מען שוין נישט ווי ווייט מ'גייט...**

**"... דאס ערשטע מאל האב איך גערעדט אומגעראכטן, ווען עס איז געווען דעם זיידנ'ס יארצייט, איז מיר בייגעפאלן איך זאל דאס ארויסברענגען, וואס כ'האב שוין איבערן גאנצן זומער געוואלט.**

**"יום כיפור האב איך אויך גערעדט דערפון, ממש איך בין געווען אויס מענטש... כ'האב נישט געזאגט די דברי תורה וואס איך האב געוואלט זאגן... עס האט מיר זייער וויי געטון, כ'האב געקלערט אז יום כיפור איז די צייט וואס איך קען דאס ארויסברענגען, עפעס אויפטון, דער תכלית איז דאך אויפצוטון.**

**"דארט אין קרית יואל האב איך געזאגט, אז א יונגערמאן וואס די ווייב גייט אזוי, וויל איך נישט אז ער זאל זיין אין כולל, יהיה מי שיהיה! עס קאן אזוינס נישט זיין, עס קאן נישט זיין א יונגערמאן וואס גייט אין כולל, און דאס ווייב גייט מיט אזא הוט וואס אלע זאגן עס איז אן איסור תורה.**

**"עס איז אזא מין חציפות, מ'זעט וואס דאס איז, ממש אויפצורייסן אויגן פון מענטשן, דער אייבערשטער זאל אפהיטן וואס דאס איז".** עד כאן.

דער צדיק האט שוין מיט עטליכע און דרייסיג יאר צוריק געציטערט, ער האט זיך געזארגט 'איך ווייס נישט צי איך בין ביכולת עפעס אויפצוטון צו פארבעסערן, איך וויל אבער נישט אז אין מיינע צייטן זאל דאס גיין אויף צוריק'.

## כדי שלא צריך בדיקה אחריו

פארגאנגענעם חוהמ"פ האבן מיר ארייגעכאפט א באזוך ביי איינעם פון די זקני הרבנים אין בארא פארק, כ"ק הגה"צ אדמו"ר מזאליזשא שליט"א, דארט האבן מיר געהערט א גאר טייערווארט בשם **הגה"ק רבי מנחם ברוידא ז"ל אב"ד קאלוב בעמח"ס באר מנחם** וואס ער האט אמאל געזאגט ביי א לוי' פון א חשוב'ן איד אין קאלוב:

"חכמינו ז"ל זאגן אין מסכת פסחים **"ומה שמשייר יניחנו בצניעה כדי שלא יהא צריך בדיקה אחריו"**. איז דער פשט **"ומה שמשייר"** די דורות וואס ער לאזט איבער אויף די וועלט **"יניחנו בצנעה"**, זאל ער זיכער מאכן אז זיי גייען אנגעטון מיט צניעות, וואס דעמאלטס **"לא יהא צריך בדיקה אחריו"**, זאל מען נישט דארפן עקסטער בודק זיין אינעם יחוס המשפחה".

א משפחה וואס גייט מלובש בצניעות, א משפחה וואס רירט זיך נישט אוועק פון מסורת אבות, זיי גייען אנגעטון גענוי ווי זייערע עלטערן און אור-עלטערן זענען געגאנגען געקליידעט, זיי דארף מען נישט עקסטער בודק זיין, זיי זענען בחזקת כשרות.

אבער אויב איז נישטא קיין יסודות, דאס לבוש איז דארט ווייט נישט פויגלדיג, זיי זענען בכלל נישט אויס ווי די זיידע און באבע, זיי ווערן געבלאזן מיט ווינט, דארט איז '**צריך בדיקה**', דארט איז די זאך פארוואלקנט און פארנעפלט, און בעפאר מ'וויל האבן סיי וועלכע שייכות מיט אזא משפחה דארף מען מאכן גרונטליכע בירורים.

עס איז א טייער ווארט, א טיף ווארט.

עס איז נישט דא דאס ארט, עס איז נישט בכלל פאסיג ארויסצוברענגען וויאזוי דער מצב הצניעות זעט ליידער אויס ביי געוויסע.

יא, מיר זענען ב"ה שטאלץ וויאזוי די 'מחנה אלקים' איז זיך מתחזק כסדר, משטייגט מעלות רמות בקודש, און מ'ווערט אלץ שענער און בעסער. א שטאלץ פאר אונזערע זיידעס און באבעס.

אבער, נישט יעדער איז אין דעם גדר, ווייט נישט יעדער.

צווישן 'מחנה אלקים', און מחנה מגושמים', איז דא נאך א מחנה, א מחנה פון וואוילע אידן, ערליכע אידן, וואס ווילן זיין גוט און ערליך, זיי ווילן זיך שטארקן, זיי ווילן זיך מחזק זיין, און זיי ווילן זיין באמת אויסגעהאלטן.

אבער, זיי מיינען אז זיי האבן נישט די כוחות דערצו, זיי מיינען אז זיי קענען נישט.

עס איז די רעדע פון היימישע אידישע שטיבער, ערליכע שטיבער, שטיבער וואו מ'זאגט יעדן טאג 'אני מאמין', מ'זאגט 'אחכה לו בכל יום שיבא', מ'גלייבט באמונה שלימה בביאת המשיח, אז יעדן איינציגן טאג קענען מיר זוכה זיין צו הערן דעם 'קול מבשר ואומר הגיע זמן גאולתכם', אבער דאך, עס נעסטעוועט אין דער לופטן א געפיל אז מ'דארף זיך 'צושטעלן', צו די שכנה, צו די קרובה, צו די מיטארבעטארינס אין אפיס, און אזוי ווייטער. דאס ציט אראפ, אראפ, ביז אונטן.

עס איז קיין ספק נישט, ווען מ'וועט צוגיין צו סיי וועמען פון די נשים צדקניות און מ'וועט זאגן, 'וויסן זאלט איר, געגוי דער חילוק וואס איז געווארן צווישן תשנ"ב ביז תשפ"ה, וועט אויך זיין פון תשפ"ה ביז תת"ה - ביים קומענדיגן שבת ערב פסח הבעל"ט - געגוי אזויפיל נייע מאדעס און פירצות וואס זענען געווארן די לעצטע 20-30 יאר אויפ'ן וועג אראפ וועט זיין די קומענדיגע צוואנציג יאר, און, ס'זאל נישט אויסגערעדט זיין, בדרך הטבע פולפאכיג ארגער ה"י. געגוי דער מרחק וואס איר האט זיך געגרוקט פון אייער מאמע, וועלן זיך אייערע טעכטער רוקן פון אייך ווייטער, וועט קיינער נישט מסכים זיין דערצו, טייל אידישע מאמעס וועלן גאר לויפן צו די 'שבת לעכט' און לאזן טרערן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז זייערע טעכטער זאלן יא זיין צניעות'דיג.

אבער ליידער, אויב זענט איר אויפ'ן 'עסקעלעיטאר', אויב פארט איר סיסטעמאטיש אויפ'ן וועג אראפ, אויב זענט איר פון די וואס די שכנות, חבר'טעס, סטיילס, מאדעס, טוען אייך דיקטירן און פירן אייער שטוב, דאן וועלן אייערע קינדער גיין אין אייערע פיס-טריט.

דעמאלטס, אלס אכציג יעריגע עלטער באבע, ווען איר וועט ווייינען אויף די אייניקלעך וואס זעען אויס ווי די שיקצעס פון יענע תקופה, וועט איר שוין נישט קענען צופיל אויפטון מער ווי וויינען און חרטה האבן אויף דעם וואס ווען איר האט געליינט דעם דאזיגן ארטיקל האט איר שנעל אוועקגעמישט דאס בלעטל איידער עס וועט אייך באריהרן.

טייערע אידישע מאמעס! דער מצב איז גענוג ביטער! פארוואס זאלן מיר זיך לאזן זיין פון די דורכגעפאלענע ביי די עצה פון פרעה 'הבה נתחכמה'?! פארוואס זאלן מיר נישט זיין קלוגער פון אים?!

יעצט! יעצט! קיין איין מינוט נישט שפעטער! באלד נאך פסח, נאך איידער דער וועטער הייבט זיך אן צו רוקן צו די העכערע נומערן, איז דער זמן פון א קבלה טובה.

נעמט אייך פאָר א 'גדר וסייג', נעמט אייך פאָר א קבלה טובה, איר וועט קיינמאל נישט חרטה האבן דערויף.

לעילוי נשמת רבינו משה בן חיים צבי זי"ע.

געדענקט טייערע ברידער און שוועסטער! מיר זענען נישטא פאר אייביג, מיר דארפן אסאך טראכטן איבער די נושא פון 'ומה שמשייר', וואס לאזן מיר דא איבער? וויאזוי זעט אויס אונזערע שיריים?!

## אז מ'זיצט אויפן גליטשער, גליטשט מען...

דערמאנענדיג די ירושה פונעם גרויסן רבי'ן מרן רבינו הברך משה זלה"ה, איז דאס ארט ארויפצוברענגען נאך א נקודה, וואס מיר האבן פריער דערמאנט ברמז.

> **די וואס גליטשן זיך אויפן קרומען וועג, זיי פרובירן נאר צו מאכן דעם אנשטעל ווי כאילו זיי גייען מיטן ערליכן זייט, זיי זענען צוזאמען מיט די מקנאי קנאת ה' צבקות, פירט זיי דער אייבערשטער, ער ברענגט אז זייער פרצוף ווערט נתגלה לעיני כל, זייער אמת'ער פנים, זייער אמת'ע אפגעטיילטקייט פונעם מחנה החרדים און יראי ה', דאס קומט ארויס לעין כל אזוי אז קיינער זאל נישט האבן קיין קשיות, און קיינער זאל זיך נישט וואונדערן פארוואס עס האט אויסגעפעלט דער שארפער פירוד**

אידן וואס געדענקען די צייטן מיט 45 יאר צוריק ווען דער רבי האט אנגענומען דאס כסא הרבנות אין ק"ק סאטמאר, האט ער זיך תיכף געטראפן אלס גענעראל אויפן פראנט צו באשיצן די '**העדה החרדית**'.

דער רבי האט מקדיש געווען זיינע כוחות, זיין כבוד, זיין גאנצע חיות אין די מלחמה, ער איז נאך געווען אזוי ניי אויפן רבנות, אבער די מלחמה האט ער געפירט ווי א פארצייטישער אונגארישער רב, ווי א גיבור מלחמה פון צענדליגער יארן, ער האט געשטעלט גדרים וסייגים, און געבויעט פראנט ליניעס, און געשטעלט די פורצי גדר אין זייער ריכטיגע ארט, און ער האט דאס פאר'חתמ'עט און פארזיגלט לדורות.

עס איז אריבער 45 יאר, צייטן האבן זיך געביטן, די וועלט איז געווארן היבש מער ליבעראל, און די אמאליגע מערכות זענען נישט אזוי אקטועל כהיום הזה, אלעס האט היינט א צווייטע סארט מהלך.

די נייע דורות וואס זענען אויפגעקומען אינצווישן, זיי נישטערן בקורות דברי הימים וואונדערן זיך מעגליך אויף דעם שארפן מהלך וואס דער רבי ז״ל האט דעמאלטס געגומען, אסר׳ן שוחטים, כשר׳ן כלים, א מערכה אן קיין פשרות, עפעס וואס איז נישט ׳נוסח אמעריקע 2025׳...

אבער, הגה״ק **רבי חיים סופר זלה״ה אב״ד פעסט ומונקאטש** האט געטייטשט ביי די גרויסע מערכה פונעם ׳טיילונג׳, וואס איז דעמאלטס בנוגע געווען די ׳שטאטוסקווא׳, די וואס האבן נאר געוואלט בלייבן אינדערמיט, זיי האבן זיך נישט געוואלט צושטעלן צו די ארטאדאקסן, עס איז זיי געווען באקוועמער צו בלייבן נייטראל.

אונזערע רבי׳ס, די גדולי רבני אונגארן, זענען געווען מבינים, זיי האבן זייער גוט געוואוסט און פארשטאנען וואס עס ליגט אונטער די נייטראלקייט, עס איז געווען א פאלשע מאסקע פון די וואס האבן געוואלט בלייבן מיט א פרומען פנים, און זייטיג זיך גליטשן צו די זייט פון די רשעים.

האט דער פעסטער רב געזאגט ״**והמטים עקלקלותם, יוליכם השם**״, די וואס גליטשן זיך אויפן קרומען וועג, זיי פרובירן נאר צו מאכן דעם אנשטעל ווי כאילו זיי גייען מיטן ערליכן זייט, זיי זענען צוזאמען מיט די מקנאי קנאת ה׳ צבקות, פירט זיי דער אייבערשטער, ער ברענגט אז זייער פרצוף ווערט נתגלה לעיני כל, זייער אמת׳ער פנים, זייער אמת׳ע אפגעטיילטקייט פונעם מחנה החרדים און יראי ה׳, דאס קומט ארויס לעין כל אזוי אז קיינער זאל נישט האבן קיין קשיות, און קיינער זאל זיך נישט וואונדערן פארוואס עס האט אויסגעפעלט דער שארפער פירוד אויך פון די שטאטוסקווא.

ווער עס האט מיטגעהאלטן דעם מציאות אין די לעצטע חדשים, ווען מ׳האט געזוכט אז פרומע אידן זאלן ווערן מעמבערס אינעם ציוני׳סטישן ׳הסתדרות׳.

עפעס וואס האט אלעמען ארויסגענומען פון די כלים.

די ליטווישע ראשי ישיבה, ובראשם זייער מנהיג הגאון הגדול רבי **דוב לאנדא** שליט״א, זענען ארויס דערקעגן מיט די גאנצע שארפקייט, און דאס גע׳אסר׳ט בכל החומר. דאס איז שוין אויך די מיינונג וואס ווילן נישט אסר׳ן די בחירות הטמאות מאיזה טעם וסיבה שלא יהיה, אבער דא פארשטייען זיי זייער קלאר אז דאס ווערן א ׳חבר׳ אינעם ציוני׳סטישן הסתדרות, דאס מיינט זיך איינגעשריבן אלס חלק פון דעם רצון און רעיון פון הערצל וחבריו, בן גוריון וחבריו, אן עצם מעצמם ובשר מבשרם פון די עצם רעיון הציוני, און זיי האבן אלע געשריגן מיט אלע כוחות ״**טמא טמא, בדד ישב מחוץ למחנה מושבו**״ מיט אלע שארפע דיבורים.

עפעס א געוויסע חסיד׳ישער קרייז האט אנדערש פארשטאנען, עפעס א קרייז וואס איז אמאל געווען א ׳ווינקל׳ פון מלחמה לה׳ בעמלק, עס האט אמאל געטראגן מיט שטאלץ די יסודות פון התבדלות, עס איז אמאל געווען א ווינקל וואס האט לוחם געווען קעגן סיי וועלכע שינוי אין מסורת אבות, פונקט זיי האבן זיך מתדרדר געווען, און ממשיך געווען מיט זייער 45 יעריגע גליטשן... ארגער פון אלע חסידים, ארגער פון אלע ליטאים, שוואכער פון יעדן איינעם, און אויך אין די ווייטע אמעריקע איז מען געשטאנען מיט גארטלען און זאקן און גע׳חתמ׳עט שותפות מיטן ציוני׳סטישן ״הסתדרות״.

ממש אין יענע טעג האבן זיי אפגעצייכענט א מעמד להודיע לבני ישראל אז מיט 45 יאר צוריק האבן מיר מורד געווען אין די ״העדה החרדית״.

זיי האבן גענוצט שטארקע מייקראפאנען, מיט ספעציעל געשולטע רעדנער׳ס... להודיע תחת כל עץ רענן, אז ווער עס ווייסט נאכנישט זאל יעצט געוואויר ווערן דעם מציאות.

**יעצט קענען מיר ווייזן לפני קהל עם ועדה פאר דאס יונגווארג וואס ווייסט נאכנישט די תוצאות, קוקט זה חטאת וזה פרי׳:**

**מיר זענען געטרייע מיטגלידער אינעם ציוני׳סטישן הסתדרות!!!**

**יא, אונזערע הייליגער רבי׳ס האבן נאך געפירט שווערע מערכות קעגן די נעלאאגן, קעגן אגודת ישראל, אבער מיר זענען איינס מיט די ציונים גופא.**

יא, מיט 45 יאר האבן מיר מורד געווען אין די גבולות אשר גבלו הראשונים, מיר האבן געשטויסן אין די חומה בצורה וואס אלע צדיקים קדושים מצוקי ארץ האבן געבויעט אין ירושלים עיה״ק, מיר האבן געבראכן אלע איסורים וחרמות, מיט נעמען געלט, לערנען ענגליש, מוזיק אין ירושלים, בחירות הטמאות, חומת הכשרות, חומת הצניעות, התחברות לרשעים, און יעצט קענען מיר ווייזן לפני קהל עם ועדה פאר דאס יונגווארג וואס ווייסט נאכנישט די תוצאות, קוקט זה חטאת וזה פרי׳:

מיר זענען געטרייע מיטגלידער אינעם ציוני׳סטישן הסתדרות!!!

יא, אונזערע הייליגער רבי׳ס האבן נאך געפירט שווערע מערכות קעגן די נעלאאגן, קעגן אגודת ישראל, אבער מיר זענען איינס מיט די ציונים גופא.

עס איז אונז איבריג יעדן הסבר נאכדעם וואס זיי האבן שוין אלעס אליינס הערליך מסביר געווען.

אונזער חוב און אחריות בלייבט מיטן ״**אותו יצר הרע**״ תעבירו מלבבכם, מיר דארפן שטיין שטארק און פעסט מיט אונזערע יסודות, אין התבדלות מרשעים, אין חומת הצניעות והקדושה, זיך נישט רירן פון אונזערע יסודות וואס אונזערע רבי׳ס האבן אונז געלערנט כמלא נימה. נאר אזוי וועלן מיר אנקומען צום ציהל.

אין די איצטיגע ימי הילולא קדישא, ווען אזויפיל אידן וועלן מעלה זיין זכרו הבהיר פון רבי׳ן זי״ע און זיינע הייליגע פעולות, ווען מ׳וועט צוריק ארויפברענגען דעם נאסטאלגישן ׳אמאל׳, וואס איז בעצם ממש נעכטן, איז די פאסיגע צייט זיך צו זארגן פאר מארגן, צו מקבל זיין אויף זיך מיט א פעסטקייט צו גיין אין זיינע דרכים, אינעם אויסגעטרעטענעם וועג פון אבותינו ורבותינו הקדושים זי״ע, און דערמיט פארזיכערן אונזער אייגענעם עתיד.

תורה צוה לנו משה.